

# א ווירטועלע רעוואלוציע אין מוסד פירערשאפט

**לכבוד דעם בעפארשטייענדן ווינטער זמן, האלט 'שבת בשבתו' אפ אן אינהאלטסרייכע אינטערוויו מיט ר' קלמן אליעזר זוסמאן פון KEZ גרופע, וועלכע איז אויפגעקומען מיט א חידוש'דיגע סקול-סאפטוועיר וואס וועט פילפאכיג פארגרינגערן פאר שולעס און מוסדות התורה**





מיט עטליכע וואכן צוריק, האט - פון צווישן קלענערע און גרעסערע רעקלאמעס אין די לאקאלע אדווערטייזמענט פאפירן - ארויסגעשיינט אן אייגנארטיגן אנאנס, וועלכע האט געמאלדן איבער א נייע סארט סאפטוועיר, ספעציעל פאר מוסדות התורה ובתי חינוך, און בעיקר געאייגנט פאר דער סענקא אפטיילונג.

די רעקלאמע האט פארשפראכן א זעלטענע חידוש וואס וועט פילפאכיג פארגרינגערן דאס האלטן חשבון און אוועקלייגן רעקארדס, אין צוגאב צו נאך פילע מעלות און אפציעס וואס זענען נאך קיינמאל נישט געווען ביז היינט.

וויסנדיג אז אזא נושא קען זיין זייער אינטערעסאנט פאר אסאך ליינער, און בפרט אזעלכע וואס זענען אליין פארמישט אין סקול, חדר אדער סעמינאר פירערשאפט, צי גאר אין סאפטוועיר דעוועלאפמענט, האבן מיר באשלאסן זיך צו פארבינדן מיטן סאמע מחדש דערפון, און ארויסשנאפן עטוואס אינפארמאציע פון הינטער די קוליסן.

***

KEZ! א נאמען וואס איז שוין היינט ברייט באקאנט פאר יעדן איינעם דא אין שטאט. ביי איינעם אלס א צוגענגליכע, ביליגע און אויסגעהאלטענע קיאסק, ביי א צווייטן אלס ברייטע און פראפעסיאנעלע IT סערוויס, און ביי א דריטן אלס א פלאץ וואו מען קען טרעפן די בעסטע דיעלס אויף אלערליי טעכנאלאגישע כלי מכשירים.

לאמיר אייך אבער באקענען מיט א פערטער אפטיילונג פונעם KEZ גרופע - דער דעוועלאפמענט טיעם! און ספעציפיש, א שפאגל נייע עקסלוסיווע סקול-סאפטוועיר וואס איז נארוואס ארויס פון דרוק, און שוין באוויזן צו מאכן דראסטישע שינויים און פארבעסערונגען אינעם אופן וויאזוי דער סענקא דעפארטמענט אפערירט.

'שבת בשבתו' פירט אייך אריין אויף אן אינהאלטסרייכע שמועס מיטן אייגנטומער און גרינדער פונעם KEZ גרופע, דער אלעמען באקאנטער ר' קלמן אליעזר זוסמאן, וועלכער טיילט מיט די גענויע פרטים און חידושים פונעם סקול-סאפטוועיר.

## צום ערשט, ליגט מיר אין זכרון אז מיט בערך צוויי יאר צוריק האבן מיר געהאט אן אינטערעסאנטן אינטערוויו מיט דיר אין שבת בשבתו בנוגע דעם KEZ קיאסק. און יעצט פלוצלינג הערן מיר פון דיר אז דו טוסט אין סאפטוועער גאר. אלזא, וואס איז דער שייכות פון KEZ מיט סקול און סענקא, אז דו האסט באשלאסן צו ערצייגן אזא סאפטוועיר?

"גאנץ פשוט. איך האב אליין געארבעט אין סענקא פאר איבער אכט יאר ביי הר"ר מענדל וויינשטיין הי"ו, וואו איך האב מיך אסאך געלערנט פון אים. יענע צייטן וועל איך נישט אזוי שנעל פארגעסן... אלנפאלס, זייענדיג אן OT אסיסטענט, האב איך געזען דעם געברויך פאר א סאפיסטיקירטע פראגראם וואס זאל ארויסהעלפן צו האלטן חשבון - סיי אויף די פארשריט און אנטוויקלונגען פון יעדע קינד, און סיי אויף זייערע פריוואטע מלמדים."

ווען ר' קלמן אליעזר האט אנגעהויבן זיין ארבעט אין די סענקא אפטיילונג, איז נאך די וועלט פון פערזענליך-באזירטע סאפטוועיר געווען זייער פרעמד, און כמעט אלעס איז צוגעגאנגען מיט א פעדער און פאפיר.

"עפעס א פראגראם איז יא געווען פאר די געלט ענינים, אבער אויך זייער פארצייטיש און אומפראקטיש. און היות ס'איז נישט געווען קלאוד-בעיסד, האט מען בלויז געקענט האבן צוטריט דערצו פונעם קאמפיוטער אויף וואס מען האט עס אינסטאלירט. אזוי אויך האט מען יעדע אפדעיט געמוזט עקסטער אריינלייגן אין יעדע דעוויס, שוין נישט רעדנדיג פונעם קאפוויי אויב מ'האט בטעות עפעס אויסגעמעקט אדער פארגעסן צו סעיווען געהעריג."

אבער חוץ פון עפעס א האלבע פראגראם פאר די ממונות, איז ממש נישט געווען קיין שום צוגענגליכע וועג צו האלטן אן איבערזיכט. ווען א טאטע האט אריינגערופן פרעגן וואס עס הערט זיך מיט זיין קינד, האט מען געדארפט אויפזוכן אין קאמפיוטער דעם ספעציפישן פאלדער מיטן נאמען פונעם קינד, און דארט האבן זיך געפינען פשוט'ע געסקענטע פאפירן אויף וואס מען האט געהאט אפגעשריבן נאטיצן אויב איז געווען עפעס אויסערארדנטליך.

## און אזוי איז דאס אנגעגאנגען ממש ביז היינט?

"ניין. דאס איז אלעס געווען ממש ווען איך האב אנגעהויבן, אכט יאר צוריק. מיט בערך פיר יאר צוריק האב איך יא פרובירט אויפצוקומען מיט עפעס, טאקע נישט קיין דבר השלם, אבער פאר יענע צייטן, און בפרט אין פארגלייך צום ביז דעמאלטדיגן מהלך, איז דאס שוין געווען א גרויסע ישועה."

דער פראגראם וואס ר' קלמן אליעזר האט דאן ערפינדן, האט געארבעט גאנץ פשוט; מען מאכט א שנעלע סערטש אויפן קינד, און עס קומט ארויף אלעס וואס סיי ווער האט געשריבן, ווען ער האט דאס געשריבן, צו וועמען, א.א.וו. אזוי אויך קען מען פון דארט שיקן דירעקט אן אימעיל צו וועמען עס פעלט אויס.

דער פראבלעם איז אבער געווען, אז ביי א פשוט'ע סערטש, קומט ארויף ממש אלעס וואס עס איז פארהאן אינעם סיסטעם בנוגע דעם קינד, לאו דווקא וואס מען זוכט אויפן מאמענט. פארשטייט זיך אז אזוי איז זייער שווער צו טרעפן א ספעציפישע מעסעדזש אדער נושא, און דאס נאכפאלגן.

און דאס איז שוין אפגערעדט פון דעם וואס דער פראגראם האט געדינט בלויז איין פונקציע, בעת מען וואלט זיך באמת געניוטיגט אין אומצאליגע אנדערע פראגראמען צו פארגרינגערן דעם קאמפליצירטן פירערשאפט פון סענקא.

דא קומט אריין אין בילד דער שפאגל נייע סאפטוועיר וואס איז נארוואס ערשינען, אנטהאלטנדיג צענדליגער נוצבארע אפטיילונגען און פונקציעס, וועלכע האט שוין עספיעט צו מאכן א רעוואלוציע אין פילע מוסדות און סענקא אפטיילונגען, לאו דווקא פון דאהי' אין לאנדאן. ווי ר' קלמן אליעזר פארציילט, קומען אריין פארלאנגען איבער דעם סאפטוועיר פון פילע שטעט איבער ענגלאנד.

## זאג מיר אין איין ווארט, וואס זענען די עיקר חידושים פונעם סאפטוועיר?

"אקעי, לאמיר פרובירן... ערשטנס, איז א חידוש אז דער סאפטוועיר איז 'קלאוד בעיסד', וואס מיינט אז מען קען אריינלאגן פון סיי וועלכע דיוויס, און אלע אפדעיטס ווערן געטון אויטאמאטיש, און קיינער דארף גארנישט אראפקומען אינסטאלירן.

"כ'האב מיך פארגעשטעלט אז דו וועסט זיך אזוי פארשטעלן... אבער איך האב פאר דיר א סורפרייז - קיין איינס פון מיינע דעוועלאפערס זענען נישט קיין גוים! אלע זענען זיי היימישע אידן!"

KEZHUB

SOFTWARE DEVELOPMENT



"צוויטנס, קען דער סופער-אדמין אליין צולייגן וויפיל יוזערס ער וויל, און מענעדזשן די פאזיציעס אינערהאלב דעם סאפטוועיר, אן זיך דארפן פארבינדן מיט אונז. ניטאמאל פארמאגן מיר די פעסווארדס פון אונזערע קליענטן, אזוי אז דער אדמיניסטראטאר איז פולשטענדיג בעל הבית. און דאס איז חוץ פון א צוויי-פאקטאר סעקיוריטי, וואס פארזיכערט אז בלויז דער אייגנטליכער באנוצער פארמאגט צוטריט צו זיין אקאונט.

"און דריטנס, איז דא דער היימישער קאסטומער סערוויס, אין וועלכע מיר זענען שטענדיג גרייט צוצושטעלן סיי וועלכע טוישונגען אדער דיעלס עס פעלן זיך אויס, אריינגערעכנט ספעציעלע הנחות פאר אזעלכע מוסדות וואס נויטיגן זיך אין בלויז איין קליינע טייל פונעם סאפטוועיר.

## וויאזוי ארבעט עס? דו אליין זיצסט און שרייבסט קאוד?

"ממש נישט. איך בין נישט קיין דעוועלאפער, כ'פארשטיי קוים וויאזוי מען שרייבט קאוד, אבער דאס יא - איך האב זייער שטארק ליב צו ערצייגן ציכטיגע און פראקטישע סאפטוועיר פאר סיי וועלכע באנוץ. איך פארמאג אבער ב"ה פינף טאלאנטפולע קאוד שרייבער פון פארשידענע ערטער איבער דער וועלט, און זיי שרייבן וואס איך בעט זיי.

"ממש לעצטנס זענען געקומען צו אונז די פירערס א היבש גרויסע ארגאניזאציע, וועלכע פירן עס שוין פאר קרוב צו דרייסיג יאר מיט פען און פאפיר, זאגנדיג אז זיי קענען זיך מער נישט קיין עצה געבן מיטן אמאליגן מהלך, אבער אפילו א קאמפיוטער סאפטוועיר ווייסן זיי אויך נישט וויאזוי צו נוצן. האבן מיר פאר זיי אויפגעשטעלט א קריסטאל קלארע סאפטוועיר וואס זאל זיין ספעציעל גרינג צו נוצן, און היינט פירט זיך שוין דער גאנצער ארגאניזאציע דערויף.

"א צווייטער געדאנק וואס מיר האלטן שוין טיף אינמיטן ארבעטן דערויף, איז א 'בית המדרש סאפטוועיר'. דאס וועט זיין ספעציעל אויסגעשטעלט פאר שמשים און קהילה איינגעשטעלטע, און וועט פארמאגן די דעטאלן פון אלע בני הקהילה אויף איין סיסטעם. מען וועט דארט קענען האלטן חשבון אויף סיי וועלכע ענין; עליות געלט אדער מעמבערשיפ. אפשר וועלן אפילו אלע מעמבערס קענען באקומען צוטריט כדי צו באשטעלן זייערע זיצן וכדומה."

## און וועמען נוצסטו צו שרייבן די אייגנטליכע קאודס? פאקיסטאנער, אינדיאנער גוים?

"אה, זעסטו? כ'האב מיך פארגעשטעלט אז דו וועסט זיך אזוי פארשטעלן... אבער איך האב פאר דיר א סורפרייז - קיין איינס פון מיינע דעוועלאפערס זענען נישט קיין גוים! אלע זענען זיי היימישע אידן!"

## מיינסט עס ערנסט? טאקע א סורפרייז... פארוואס טאקע נוצסטו נישט קיין אזיאנער גוי, און שפארסט זיך געלט?

"זייער פשוט, געלט וועל איך אפשר שפארן, אבער די צייט וואס עס קאסט זיך אפצוגעבן מיטן ערל, אים ערקלערן פינקטליך וואס איך דארף, און דערנאך נאכלויפן אויף אלע קליינע 'ערראָרס' וועלכע מאכן זיך, איז מיר פיל טייערער ווי די פאר פונט וואס איך קען מיר אפשר שפארן!

"אזוי האב איך מיינע אידישע ארבעטער, מיט אידישע קעפ אויף די פלייצעס, און עס פארט ב"ה א מחיה. זיי וועלן אפשר - יעדער פאר זיך - ארויסגעבן קלענערע פארציעס ארבעט פאר א גוי, אבער וויבאלד זיי זענען די מיט וועמען איך קאמוניקיר, איז דאס פיל גרינגער ווי צו דארפן האנדלען מיט אן אינדיאנעם גוי... איך זאג נישט, דאס רוקט אפשר אביסל ארויף דעם פרייז אפילו פאר מיינע קאסטומערס, אבער טאקע בלויז אדאנק דעם זענען מיר מצליח אהערצושטעלן קנאקעדיגע פראיעקטן איינס ביי איינס. דעריבער, קוקנדיג אויפן ענדגילטיגן אייטעם, איז דער אידישער מהלך אסאך בעסער.

"אבער צוריק צום נושא, איז דא געווען דאס זעלבע. מיר האבן געארבעט צוזאמען אויף דעם פראיעקט, שוין קרוב צו דריי יאר, צולייגנדיג כסדר נאך און נאך חלקים און אפציעס, ביז עס איז געקומען די צייט צו פארקויפן דעם פראדוקט."

ר' קלמן אליעזר זעצט זיך צום קאמפיוטער און הייבט אן ווייזן וואס עס ליגט אלס אינעם נייעם סאפטוועיר.

צום ערשט איז פארשטייט זיך דא דער דעש-באורד, וואו עס ערשיינען נאטיפיקאציעס, מעסעדזשעס, און אזוי ווייטער, פאר יעדן באנוצער לויט זיין שטאנד.





דערנאך איז פאראן דער "סען אפטיילונג" וואו מען קען זען פינקטליך יעדע קינד וויפיל סעסיעס ער פארמאגט, און ווער עס באצאלט דערפאר. וויאזוי דאס ארבעט איז, אז ווען עס קומט אריין א סכום געלט פאר א געוויסע קינד, איז פאראן א ספעציעלן באקסל וואו מען לייגט אריין אלע אינפארמאציע; וויפיל געלט דאס איז, פון וואו עס קומט, פאר וויפיל סעסיעס דאס קלעקט, און - אויב עס רעדט זיך פון וואוטשערס - וויפיל דערפון איז טאקע נוצליך.

"דא איז וויכטיג צו באטאנען," דערמאנט זיך ר' קלמן אליעזר, "אז דער גאנצער אפטיילונג פון די סעסיעס איז פאכמאניש אויפגעשטעלט געווארן אויף אזא אופן, אז אויב איינער פארמאגט די אינפארמאציע אויף אן עקסעל פייל, זאל ער פשוט קענען קאפי-פעיסטן דער גאנצער טשארט, און דער סיסטעם כאפט אליין וואס באלאנגט וואו. די מעלה דערפון איז, אז אפילו אין פאל וואס איינער האט פונקט נישט קיין צוטריט צום אינטערנעט, זאל ער נאך אלס קענען ארומארבעטן אויף אן עקסעל פייל, און דאס דערנאך ארויפלייגן אויפן סאפטוועיר."

### און אויב איינער פארמאגט ניטאמאל קיין עקסעל פייל? איז דא א וועג וויאזוי מען קען אפלאודן א פשוט'ע, פיזישע צעטל?

"וואס דען האסטו געמיינט? ביי יעדע אפטיילונג איז פאראן דער אפציע פון צולייגן אן אטעטשמענט, טאקע פאר אזא סיטואציע, ווען א מענטש האט זיך פארצייכנט נאטיצן און ער וויל אז עס זאל זיין אוועילעבל שפעטער."

א צווייטער וויכטיגער אפטיילונג, איז דער 'רום' פונקציע, וואו יעדע סעסיע ווערט צוגעטיילט צו א געוויסע אוועילעבל צימער, און עס ווערט אפדעיטעד לייוו כדי צו קענען מיטהאלטן צו יעדע צייט וועלכע צימערן זענען פארנומען, און אזוי ווייטער. פונקט ווי די אנדערע צענדליגע פונקציעס, איז אויך דער רום פונקציע גאר סאפיסטיקירט אהערגעשטעלט, מיט פארשידענע סעטינגס און דעטאלן וואס מען קען אנשטעלן.

א צווייגעלע דערפון איז דער קאלענדער סעטינג, אין וועמען מען דארף איינמאל אריינלייגן אלע זמנים פונעם יאר, ווען עס איז דא חדר און ווען נישט, און דערנאך קען מען אנשטעלן ביז ווען מען וויל אז די טעגליכע אדער וועכנטליכע סעסיעס זאלן זיך ציען - ביז סוף זמן, אדער ביז א ספעציפישע דאטום.

דערנאך איז פאראן דער רעדזשיסטער וואו מען שרייבט אריין יעדן טאג ווער עס איז ערשינען, שפעט אדער פרי, און מען קען פון דארט דירעקט ארויסדרוקן א פולקאמע רעפארט.

"דער סאפטוועיר פארמאגט אזויפיל פונקציעס," זאגט אונז ר' קלמן אליעזר, "אז עס איז כמעט נישט פאראן קיין זאך אין וואס א מוסד זאל זיך נויטיגן, און עס זאל זיך נישט געפינען דערויף. און אפילו אויב א מוסד וויל יא צולייגן עפעס אן אפציע, וועלן מיר דאס אלעמאל צושטעלן. גראדע האב איך באקומען א פארלאנג פון א געוויסע סעמינאר, אז זיי ווילן אז דער רעדזשיסטער זאל זיין פארבינדן מיט א פינגער-פרינט מאשין, וואס איך האב בעזר ה' מצליח געווען זיי מסדר צו זיין. דאס איז בלויז איין משל פון פילע אזעלכע פונקציעס וואס מען קען אלס צולייגן."

### געב מיר נאך אזא משל פון א פונקציע וואס א מוסד האט געבעטן.

"איין אזא משל איז דער מולטי-ברענטש אפציע, וואס איז ספעציעל אויסגעארבעט געווארן פאר מוסדות וועלכע פארמאגן מער פון איין בנין, און רוב מאל פארמאגן די צוויי בנינים באזונדערע מנהלים און שטאב איינגעשטעלטע. דער פונקציע ערלויבט אז אנשטאט פארמאגן עקסטערע סאפטוועיר פאר יעדע אפטיילונג, וואס דאס וואלט פילפאכיג פארשווערט דאס האלטן א רעקארד אויף א קינד ווען ער גייט ארויף צו א העכערע אפטיילונג, פארמאגן זייביידע איין גרויסע סאפטוועיר, צוטיילט אין צוויי חלקים. און ווען דאס קינד טוישט דעפארטמענטס, באקומט דער העכערע חלק פולע צוטריט צו אלע פיילס פונעם קינד ווען ער איז געווען אינעם ערשטן אפטיילונג, אבער דער ערשטער אפטיילונג פארמאגט שוין נישט קיין צוטריט צו זיינע נייע רעקארדס."

### רעדנדיג פון פארלאנגען פון מוסדות, ווי אזוי באקומסטו טאקע פידבעק פון באנוצער?

"פאר פידבעק זענען פאראן די 'לייק' און 'דיסלייק' קנעפלעך, וואס פירן גלייך דעם באנוצער צו א גוגל-פארם וואו ער קען אויספילן און ענטפערן א רייע מיט פראגעס, וואס ער האט יא אדער נישט געגליכן אינעם סאפטוועיר. דאס איז אין צוגאב צום 'הילף' קנעפל, וואס ווען מען ווילט דאס אויס, עפנט זיך א באקסל. דער באנוצער שרייבט דארט אריין זיין פראבלעם אדער פראגע, און עס שיקט מיר א דירעקטע אימעיל מיט א 'קעיס', פון וואס איך דארף קעיר נעמען."

### און ווי אזוי ארבעטן די ראלעס? קען יעדער מנהל אליין קאנטראלירן ווער פון זיין שטאב פארמאגט צוטריט צו וועלכע אינפארמאציע?

"אוודאי! דער סיסטעם איז מתחילה אויסגעשטעלט מיט פארשידענע ראנגען און פאזיציעס, בנוסף צו דעם וואס עס קומט מיט א מעגליכקייט אויסצוקלויבן קאסטום פרעפרענצעס.

"נאכמער פון דעם - ווערט יעדע קינד צוגעטיילט צו 'זיין' פריוואטער צולערנער אדער טעראפיסט, און ביים קליקן אויף איין געוויסע שטאב מיטגליד קומט ארויף אלע זיינע תלמידים, זיין גאנצער פראפייל, היסטאריע, פעסווארד, און אלעס ארום. דארט קען מען אויך ארויסשיקן נייע פעסווארדס אויב איינער פון די באנוצער פארגעסט זיינס."

### אקעי, יעצט לאמיר רעדן תכלית. וואס איז דער פראצעדור פאר א מוסד וואס וויל אנהייבן נוצן דעם סאפטוועיר?

"העי, אנהייבן נוצן? נישט אזוי שנעל, ווארט אביסל... קודם כל, ווער זאגט אז דער סאפטוועיר איז טאקע געמאכט פאר אים? אפשר נויטיגט ער זיך אין גאר א צווייטער סארט סאפטוועיר? צי אין בלויז איין קליינע חלק פון דעם סאפטוועיר? אלזא, צום ערשט וועל איך דורכשמועסן מיטן קליענט פינקטליך וואס ער דארף, און אויב נויטיג - אריינגיין אין זיין קאמפיוטער זען וואס ער נוצט דערווייל און פאר וועלכע זאכן. דערנאך, אויב איך זע אז ער קען טאקע האבן נוצן פון דעם סאפטוועיר, וועל איך אים שיקן א קליינעם ביכעלע וועלכע געבט אביסל צו פארשטיין וואס דער סאפטוועיר איז, און די פארשידענע 'פלענס' וואס מען קען זיך אויסוועלן."

### לאמיר אריינהאקן א רגע - וואס זענען טאקע די 'פלענס'? און וויפיל קאסטן זיי?

"איז אזוי, עס איז דא בעיקר צוויי סארטן פלענס.

"קודם איז דא דער פשוט'ער, חודש'ליכער פלאן, וואס קומט מיט אלע פונקציעס וואס זענען שוין יעצט אוועילעבל. און אויב מען וויל צולייגן קאסטום פונקציעס, דארף מען עקסטער צאלן פער שעה, לויט וויפיל מיר דארפן ארבעטן דערויף.

"קודם איז פאראן דער חודש'ליכער פלאן, וואס אנטהאלט אלע פונקציעס וואס זענען שוין יעצט אוועילעבל, אין צוגאב צו אלע אפדעיטס וואס וועלן ארויסקומען סיי ווען אינעם צוקונפט. אזוי אויך קען מען מיט דעם פלאן באקומען אומזיסטע שעות פון קאסטום צוגעלייגטע פונקציעס - וואס למען האמת, איז דאס דער עיקר חידוש פונעם נייעם סאפטוועיר. דאס הייסט צו זאגן; בעצם זענען פאראן צענדליגער סארטן סאפטוועיר אין דער גוי'אישער מארקעט וואס מוסדות וואלטן געקענט נוצן. דער הויפט פראבלעם מיט זיי אלע איז פשוט, אז אויב מען וויל עס אפילו נאר א קליין ביסל ארומטוישן אדער צולייגן עפעס, קענען זיי לאזןווארטן לאנגע חדשים אז איינער זאל בכלל הערן וואס מען האט צו זאגן. און אפילו דערנאך, איז דא זייער שוואכע שאנסן אז זיי זאלן טאקע געבן וואס מען בעט. און חוץ פון קאסטום פונקציעס, האלטן מיר סתם אזוי אין איין צולייגן נאך און נאך פונקציעס צום עקזיסטירנדן סאפטוועיר, וואס מיט דעם טייערערן פלען באקומט מען אלע פון זיי תיכף ווען עס ווערט אוועילעבל."

### לאמיר נאכאמאל אריינהאקן. געב מיר א שנעלע משל פון אן אפדעיט וואס גייט קומען אין די עתיד, און איז נאכנישט אוועילעבל יעצט.

"איין אזא געדאנק, איז צו געבן צוטריט פאר אלע עלטערן צום סאפטוועיר, וואו זיי וועלן קענען מיטהאלטן לעצטיגע פארשריט, מאכן צאלונגען אדער שיקן בריוו דירעקט צום מנהל אדער פריוואטער מלמד. א צווייטער געדאנק - וואס איז צוגעלייגט געווארן ערשט א חודש צוריק - איז דער 'סען בילינג דעפארטמענט', וואס איז צעטיילט אין צוויי חלקים, פון וועלכע איינס ארבעט דורך NHS, און דער צווייטער אומאפהענגיג."

### אקעי, צוריק צו די פלענס - וואס איז דער צווייטער פלאן וואס איז אוועילעבל?

"דער צווייטער איז אן איינמאליגן איינקויף - אן קיין חודש'ליכע קאסטן, אבער סיי וועלכע אפדעיט און נייע פונקציע וועט קאסטן עקסטער, אזוי ווי ביים ערשטן פלען. דאס איז ספעציעל געאייגנט פאר אזא איינעם וואס וויל זיך נישט פארפליכטן צו ווייטערדיגע חודש'ליכע הוצאות."

### פיין, לאמיר גיין צום נעקסטן שטאפל. וואס פאסירט נאך וואס דער קליענט ליינט אדורך דעם ביכל און באשליסט אז דער סאפטוועיר איז געאייגנט פאר אים?

"אקעי. דעמאלט שיק איך אים אויף אימעיל זיינע לאגין דעטאלן מיט א לינק וואו ער קען אליין אויפסעטן פעסווארד, און ער קען אנהייבן מיט א בחינמ'דיגע טרייעל פאר דרייסיג טעג, נאך וועלכע דער קאסטומער מאכט זיין ענדגילטיגער באשלוס. פארשטייט זיך אז דער טרייעל קומט מיט אלע פונקציעס, און דער אדמיניסטראטאר קען שוין דעמאלט צולייגן זיין גאנצע שטאב און שענקען יוזערס און פעסווארדס פאר וועמען ער געפינט פאר וויכטיג. און דאס איז גראדע נאך א געוואלדיגע חידוש, אז אנדערש ווי רוב אזעלכע סאפטוועיר וואו מען צאלט לויט די סכום מענטשן וואס באקומען א יוזער, איז עס דא ממש אנלימיטעד, און א מוסד קען צולייגן וויפיל באנוצער עס פעלט נאר אויס, אן דארפן עקסטער צאלן דערפאר."

ר' קלמן אליעזר נעמט ווידער דעם מייזל צווישן די פינגער און הייבט אן אריינגיין אין נאך און נאך אפטיילונגען אינערהאלב דעם סאפטוועיר, צייגנדיג אומצאליגע נוצליכע פונקציעס. מיינע אויגן הייבן שוין אן שווינדלען פון זען אזויפיל נייע פראגראמען און דאטא-אראנזשירונג אויף איין פלאץ. אבער לאמיר אריינכאפן איין לעצטע פראגע.

### דו פארקויפסט בלויז די סאפטוועיר מיט וואס דו אליינס קומסט אויף, אדער דו מאכסט אויך סתם סאפטוועיר לויט מענטשנ'ס פארלאנגען?

"קוק. רוב מאל ווען מענטשן רופן מיר פאר א סאפטוועיר, ווייסן זיי אליין נישט פינקטליך צי זיי ווילן א קאסטום סאפטוועיר מרישא ועד גמירא, אדער צי עס איז שוין פאראן א בעיסיק סאפטוועיר וואס טוט ממש דאס אין וואס זיי נויטיגן זיך. איז געווענליך וועלן מיר דורכשמועסן פינקטליך וואס ער דארף, און דאן וועל איך צופאסן א פראגראם וואס שטימט דאס מערסטע מיט וואס יענער דארף, אבער פארשטייט זיך - אז עס פעלט אויס - וועל איך מיך נישט צוריקהאלטן פון פאבריצירן עפעס אינגאנצן ניי."

### היבש אינטערעסאנט! א גרויסן יישר כח ר' קלמן אליעזר פארן מיטטיילן די אלע אינפארמאציע. די ליינער וועלן זיכער הנאה האבן דערפון.

**דער אויבערשטער זאל העלפן אז דער נייער פראדוקט זאל טאקע אסאך ארויסהעלפן, און ער זאל דיר געבן אסאך ברכה און הצלחה אין אלעם וואס דו טוסט.**

אמן. יישר כח פאר דיר.